


שיחת חולין
(אײנע פֿון די געשיכטעס)
משה בראָדערזאָן


די רויטע וועלט
זשורנאַל פֿאַר ליטעראַטור פּאָליטיק און קונסט
מלוכה-פֿאַרלאַג פֿון אוקראַינע




מענדעלע מוכר-ספֿרים
מאַסאָעס
בנימין השלישי
אָגיז • מעלוכע-פֿאַרלאַג «דער עמעס» מאָסקווע • 1943

# צווישן פֿרײַהייט און טאָטאַליטאַריזם

## 1917: די צײַט פֿון האָפֿענונגען

באַלד נאָך דער פֿעברואַר־רעוואָלוציע אין 1917 ווערט די ייִדישע קולטור באַפֿרײַט פֿון די שטרענגע באַגרענעצונגען פֿונעם צאַרישן רעזשים און הייבט אָן געניסן פֿון דער נײַער פֿרײַהייט מיט אַן אויסערגעוויינטלעכן אימפּעט. אַחוץ די אַנטירעוואָלוציאָנערע און רעליגיעזע אָריענטאַציעס זײַנען דעמאָלט דערלויבט אַלע מינים קינסטלערישער אויסדרוק. אין רוסלאַנד, ווײַסרוסלאַנד און דער עיקר אין אוקראַיִנע, ווו ייִדיש האָט דעם סטאַטוס פֿון אַ מלוכה־שפּראַך, ווערן דורך געזעלשאַפֿטן און קאָאָפּעראַטיוון געגרינדט פֿאַרלאַגן, צײַטשריפֿטן, טעאַטער־קרײַזן. די אינסטיטוציע מיטן גרעסטן פֿאַרנעם, די קולטור־ליגע (געשאַפֿן אין 1918 אין קיִעוו, דערנאָך אין אַנדערע שטעט), איז טעטיק גלײַכצײַטיק אויף עטלעכע געביטן פֿון דער ייִדישער קולטור: ליטעראַטור, קונסט און בילדונג. זי ווערט אונטערגעשטיצט פֿון דער מלוכה, נאָר איז אין אַ גרויסער מאָס אומאָפּהענגיק און נעמט אַרום טוער פֿאַרבונדענע מיט פֿאַרשיידענע פּאָליטישע שטרעמונגען. שרײַבער און קינסטלער שאַפֿן צוזאַמען פּרעכטיקע אויסגאַבעס. אַלמאַנאַכן און זשורנאַלן פֿירן צונויף גאָר פֿאַרשיידן־מיניקע סטילן, סײַ ליטעראַרישע (אימפּרעסיאָניזם, עקספּרעסיאָניזם, סימבאָליזם, רעאַליזם...), סײַ קינסטלערישע (קובאָ־פֿוטוריזם, קאָנסטרוקטיוויזם, אָדער נעאָ־פּרימיטיוויזם וואָס שעפּט אינספּיראַציע פֿונעם ייִדישן פֿאָלקלאָר).

## Années 1940 :
## court répit avant la liquidation

Pendant la deuxième guerre mondiale, le pouvoir concentre ses efforts sur le front militaire et diplomatique, et relâche sa pression sur la culture yiddish. On autorise davantage de publications de divers genres, le style et la thématique se libèrent légèrement, et certaines spécificités nationales juives sont de nouveau admises. Le génocide des Juifs est documenté et apparaît dans la littérature. Les membres du Comité antifasciste juif peuvent, dans un encadrement strict, reprendre contact avec leurs collègues en dehors de l'URSS. Plusieurs personnalités de la culture yiddish sont évacuées des zones de front et survivent ainsi à la guerre.

Ce court répit ne dure pas : en 1948, les répressions reprennent à une échelle inédite, et aboutiront à un antisémitisme d'État, à la liquidation de la culture yiddish institutionnelle, qui sera étouffée pendant de longues années, et à la déportation voire à l'assassinat d'écrivains, d'hommes de théâtre et d'autres acteurs culturels.

*Natalia Krynicka*

## 1920ער יאָרן: די פֿרײַהייט ווערט רעלאַטיוו

די פֿרײַהייט פֿון אויסדרוק ווערט קלענער אין די 1920ער יאָרן, אי פֿאַר דער ייִדישער קולטור, אי וואָס שייך אַנדערע מינדערהייטן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד. קאָאָפּעראַטיוון און אומאָפּהענגיקע אינסטיטוציעס, ווי די קולטור־ליגע, ווערן ביסלעכווײַז ליקווידירט. די מלוכה שטיצט אונטער — ווי אין ערגעץ אויף דער וועלט — אַלע תּחומים פֿון דער ייִדישער קולטור (פֿאַרלאַג־וועזן, גראַפֿישע קונסטן, טעאַטער, בילדונג, פֿאָרשונג), נאָר גלײַכצײַטיק נעמט זי בהדרגהדיק איבער דעם קאָנטראָל איבער זיי. אין דער ליטעראַרישער וועלט פֿאַרשטאַרקט זיך די גרופּע „פּראָלעטאַרישע" שרײַבער און קריטיקער (ווי איציק פֿעפֿער, איזי כאַריק, יאַשע בראָנשטיין צי כאַצקל דונעץ), געטרײַע דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און דעם געדאַנק אַז קונסט דאַרף זײַן אונטערגעוואָרפֿן דער אידעאָלאָגיע און פֿאַרשטענדלעך פֿאַר די מאַסן. זיי שטעלן זיך אַנטקעגן די „מיטלויפֿערס" (שרײַבערס פֿון פֿאַרשיידענע אָריענטאַציעס וואָס סימפּאַטיזירן מער־ווייניקער מיט דער רעוואָלוציע אָבער שטייען אין אַ זײַט). די מיינונג־פֿרײַהייט ווערט אַלץ מער באַגרענעצט: דאָס אָפּווײַכן פֿון דער אָפֿיציעלער ליניע (ווי אינעם פֿאַל פֿון שרײַבער וואָס פֿאַרטיידיקן העברעיִש) ווערט באַשטראָפֿט מיט מאַרגינאַליזירונג.

דער פּראָצעס פֿון באַגרענעצן די שאַפֿונג־פֿרײַהייט איז ניט קיין לינעאַרער. אין דער מיט 1920ער יאָרן האָט מען אַ רושם אַז דער מצבֿ פֿאַרבעסערט זיך אויף אַ ווײַל. עטלעכע מיטלויפֿערס וואָס זענען אַוועק אין דײַטשלאַנד, פּוילן אָדער אין ארץ־ישׂראל אין דער שווערער צײַט אַרום 1921 (פּאָגראָמען, בירגערקריג, ווירטשאַפֿטלעכער קריזיס), ווי פּרץ מאַרקיש, לייב קוויטקאָ צי דער ניסתּר, קומען דעמאָלט צוריק אין ראַטן־פֿאַרבאַנד. זייערע מאָטיוואַציעס זענען פֿאַרשיידענע: דער ווילן זיך צו פֿאַראייניקן מיט דער משפּחה און דער היימישער סבֿיבֿה, בעסערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען (בעת דעם עקאָנאָמישן קריזיס אין דײַטשלאַנד איז די מאַטעריעלע לאַגע פֿון דער מערהײַט ייִדישע שרײַבער געווען גאָר שווער), בעסערע מעגלעכקייטן צו פּובליקירן און פֿאַרשפּרייטן זייערע ווערק. טייל פֿון זיי האָפֿן ווידער אַוועקצופֿאָרן אַ מאָל, נאָר ווען די אונטערדריקונג פֿאַרשטאַרקט זיך, איז שוין אוממעגלעך צו פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד.

## Années 1930 : culture muselée, écrivains assassinés

Au fur et à mesure, un régime totalitaire s'installe, le pouvoir étend son contrôle à tous les domaines de la vie, la peur et la méfiance s'insinuent jusqu'au sein des familles et entre les amis proches. Pour la culture soviétique, culture yiddish y compris, dans les domaines de la littérature, de l'art, du théâtre, cela signifie une uniformisation généralisée, une soumission absolue à l'idéologie dominante, et l'adoption forcée du réalisme socialiste. Selon le principe d'une culture soviétique « nationale par la forme, socialiste par le contenu », l'expression de l'identité juive doit se limiter à l'utilisation de la langue yiddish, toute autre forme de nationalisme, ou considéré comme tel, étant proscrite. Les écrivains se voient forcés de manifester leur affiliation au régime de manière active et d'inclure des louanges à Staline dans chaque publication.

Ils ont recours à diverses stratégies pour contourner la censure : à côté des formules exigées par le pouvoir, ils glissent des allusions qui révèlent leurs véritables sentiments aux lecteurs ; ils se tournent vers des formes considérées comme moins « dangereuses », tels le reportage, la littérature pour enfants, les traductions, voire les travaux de rédaction. Les nouvelles éditions de leurs textes sont souvent entièrement remaniées pour se conformer aux normes en vigueur.

On assiste également à une centralisation des institutions culturelles à Moscou et à la fermeture des centres régionaux.

Dans les années 1937-1938 ont lieu les Grandes Purges qui touchent tous les domaines de la vie en URSS et toutes les minorités nationales. La culture yiddish en est également victime. C'est la période de la terreur généralisée, de la fermeture des institutions juives, des accusations fabriquées, des arrestations et des exécutions massives. Nombre de personnalités de la culture yiddish, notamment qui vivent en Biélorussie ou font partie du courant « prolétarien », sont alors emprisonnées, exécutées, ou meurent au goulag : ainsi les écrivains Moyshe Kulbak et Izi Kharik, les critiques Avrom Abtshuk, Yashe Bronshteyn, Khatskl Dunets et Moyshe Litvakov.

Cependant, la production culturelle yiddish ne s'arrête pas complètement : comme dans le cas d'autres minorités persécutées, le pouvoir veille à en faire subsister une part, à maintenir un semblant de normalité, pour alimenter la propagande intérieure et extérieure.

# 1930ער יאָרן:
# אײַנגעצאַמטע קולטור, דערמאָרדעטע שרײַבער

מיט דער אַנטוויקלונג פֿון דער טאָטאַליטאַרישער מלוכה שפּרייט די מאַכט אויס איר קאָנטראָל איבער אַלע תּחומים פֿונעם לעבן. מע לעבט אין פּחד און אומצוטרוי, אַפֿילו אינעם משפּחה־ אָדער חבֿרים־קרײַז. אין דער סאָוועטישער קולטור, אַרײַנגערעכנט דער ייִדישער — ליטעראַטור, קונסט, טעאַטער — איז עס אַ צײַט פֿון אַלגעמיינער אוניפֿאָרמיזאַציע, פֿון אונטערגעבן זיך דער הערשנדיקער אידעאָלאָגיע און אָננעמען דעם סאָצרעאַליזם. בהסכּם מיטן פּרינציפּ אַז די סאָוועטישע קולטור מוז זײַן „נאַציאָנאַל לויט דער פֿאָרעם און סאָציאַליסטיש לויטן אינהאַלט״, דאַרף זיך דער אויסדרוק פֿון ייִדישקייט באַגרענעצן צום שרײַבן אויף ייִדיש; קיין אַנדער פֿאָרם פֿון נאַציאָנאַליזם, אָדער וואָס עס ווערט באַטראַכט ווי נאַציאָנאַליזם, ווערט ניט דערלאָזט. די שרײַבער ווערן געצוווּנגען אַקטיוו צו באַטאָנען זייער צושטימונג צום רעזשים און אַרײַנצושטעלן אַ לויב צו סטאַלינען אין יעדער פּובליקאַציע.

כּדי אַרומצוגיין די גזירות זוכן די שרײַבער פֿאַרשיידענע סטראַטעגיעס: לעבן די פֿאָרמולעס וואָס מע דאַרף פֿון יוצא וועגן, פֿלעכטן זיי אַרײַן רמזים וואָס זאָלן אַנטפּלעקן פֿאַר די לייענערס דעם מחבּרס אמתע כּוונות; זיי גייען אַריבער אויף ווייניקער „געפֿערלעכע״ פֿאָרמען, ווי רעפּאָרטאַזש, קינדער־ליטעראַטור, איבערזעצונגען, צי רעדאַקציע־אַרבעט. עלטערע טעקסטן ווערן אַ מאָל אין גאַנצן איבערגעאַרבעט, כּדי זיך צוצופּאַסן צו די נײַע נאָרמעס.

עס ווערט דורכגעפֿירט אַ צענטראַליזאַציע פֿון אַלע קולטור־אינסטיטוציעס אין מאָסקווע. די ראַיאָן־צענטערס ווערן פֿאַרמאַכט.

אין די יאָרן 1938/1937 קומען פֿאָר סטאַלינס „גרויסע רייניקונגען״ וואָס נעמען אַרום אַלע ספֿערעס און אַלע נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן. אויך די ייִדישע קולטור פֿאַלט אַ קרבן דערפֿון. ס'איז די צײַט פֿון טעראָר, פֿון פֿאַרמאַכן ייִדישע אינסטיטוציעס, פֿון פֿאַבריצירטע באַשולדיקונגען, מאַסן־אַרעסטן און עקזעקוציעס. פֿילצאָליקע פּערזענלעכקייטן פֿון דער ייִדישער קולטור, דער עיקר אין ווײַסרוסלאַנד, אָדער פֿון דער „פּראָלעטאַרישער״ שטרעמונג ווערן דעמאָלט אַרײַנגעזעצט אין תּפֿיסה, שטאַרבן אין לאַגערן אָדער ווערן אומגעבראַכט, ווי די שרײַבער משה קולבאַק און איזי כאַריק, די קריטיקער אַבֿרהם אַבטשוק, יאַשע בראָנשטיין, כאַצקל דונעץ און משה ליטוואַקאָוו.

פֿון דעסט וועגן שטעלט זיך די ייִדישע קולטורעלע פּראָדוקציע ניט אין גאַנצן אָפּ: ווי אין פֿאַל פֿון אַנדערע אונטערגעדריקטע מינאָריטעטן, גיט די מאַכט אַכטונג, צוליב צוועקן פֿון אינעווייניקסטער און דרויסנדיקער פּראָפּאַגאַנדע, עס זאָל כּסדר בלײַבן אַ נישאר, אַן אָנשטעל פֿון נאָרמאַלקייט.

# Années 1920 : une liberté de plus en plus relative

Cette liberté d'expression se réduit au cours des années 1920, pour la culture yiddish comme pour les autres minorités en URSS. Des coopératives et des institutions indépendantes, telle la Kultur-Lige, sont progressivement démantelées. Si l'État soutient tous les domaines de la culture yiddish (édition, arts graphiques, théâtre, éducation, recherche, etc.), comme nulle part ailleurs dans le monde, il en prend de plus en plus le contrôle. Dans le monde littéraire, on assiste à un renforcement de la position du groupe des écrivains et critiques « prolétariens » (parmi lesquels Itsik Fefer, Izi Kharik, Yashe Bronshteyn ou Khatskl Dunets), fidèles au parti communiste, à la conception d'un art subordonné à l'idéologie et accessible aux masses. Ils s'opposent violemment aux *mitloyfers* (les « compagnons de route », écrivains de différentes orientations qui sympathisent plus ou moins avec la révolution sans s'engager activement). La liberté d'opinion est de plus en plus réduite : s'écarter de la ligne officielle (comme dans le cas des écrivains qui défendent la langue hébraïque), c'est se condamner à la marginalisation.

La limitation de la liberté de création ne suit pas un processus linéaire. Pendant une courte période au milieu des années 1920, la situation semble s'améliorer. Plusieurs *mitloyfers* – Perets Markish, Leyb Kvitko, Der Nister – qui s'étaient réfugiés en Allemagne, en Pologne ou en Palestine vers 1920-1921, au moment de troubles importants (pogroms, guerre civile, difficultés matérielles), reviennent alors en URSS. Leurs motivations sont diverses : désir de retrouver leur famille et leur milieu d'origine, meilleures conditions économiques (en Allemagne en proie à une crise économique, la majorité des écrivains yiddish peine à joindre les deux bouts), meilleures perspectives de publication et de diffusion de leurs œuvres. Certains d'entre eux espèrent repartir plus tard mais l'étau se resserre, il devient impossible de quitter le pays.

## 1940ער יאָרן:
## פֿאַרלײַכטערונג ערבֿ דער ליקווידאַציע

בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען די מלוכה גיט זיך אָפּ אין גאַנצן מיטן קריג אויף דער מיליטערישער און דיפּלאָמאַטישער מדרגה, לאָזט די באַדריקונג פֿון דער ייִדישער קולטור אַ ביסל אָפּ. עס ווערן דערלויבט מער פּובליקאַציעס פֿון פֿאַרשיידענע זשאַנערס, דער סטיל און די טעמאַטיק ווערן צום טייל פֿרײַער, געוויסע ייִדישע נאַציאָנאַלע אַקצענטן ווערן ווידער דערלאָזט. דער חורבן ווערט דאָקומענטירט און אָפּגעשפּיגלט אין דער ליטעראַטור. די מיטגלידער פֿונעם ייִדישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט קענען, אַפֿילו אויב שטרענג באַגרענעצט, צוריק צונויפֿקניפּן קאָנטאַקטן מיט קאָלעגן אין אויסלאַנד. עטלעכע פּערזענלעכקייטן פֿון דער ייִדישער קולטור ווערן עוואַקויִרט פֿונעם פֿראָנט־שטח און קענען אַזוי אַרום איבערלעבן די מלחמה.

די קורצע פֿאַרלײַכטערונג געדויערט נאָר ביז 1948, ווען עס הייבן זיך אָן נאָך קיין מאָל נישט געזעענע רדיפֿות וועלכע דערגייען צו מלוכישן אַנטיסעמיטיזם, צו דער ליקווידאַציע — אויף לאַנגע יאָרן — פֿון דער אינסטיטוציאָנעלער ייִדישער קולטור, און דער פֿאַרשיקונג אָדער דערמאָרדונג פֿון שרײַבער, טעאַטער־מענטשן און אַנדערע קולטור־טוער.

נאַטאַליע קריניצקאַ

# Entre liberté et totalitarisme

## 1917 : tous les espoirs sont permis

Juste après la révolution de février 1917, la culture yiddish, libérée des lourdes restrictions imposées par le régime tsariste, profite de la nouvelle liberté dans un élan sans précédent. À l'exception des orientations anti-révolutionnaires et religieuses, toute expression artistique est permise. En Russie, en Biélorussie, mais surtout en Ukraine, où le yiddish obtient le statut de langue nationale, associations et coopératives créent des maisons d'édition, des périodiques, des cercles de théâtre. L'institution de la plus grande envergure, la Kultur-Lige (Ligue pour la culture), créée en 1918 à Kiev, puis dans d'autres villes, couvre plusieurs domaines de la culture yiddish : la littérature, l'art et l'éducation. Soutenue par l'État, elle bénéficie pourtant d'une grande indépendance et réunit des acteurs culturels de différentes orientations politiques. Écrivains et artistes travaillent main dans la main pour créer des éditions d'une rare beauté. Des almanachs et revues présentent des courants d'une grande diversité, tant littéraires (impressionnisme, expressionisme, symbolisme, réalisme) qu'artistiques (cubo-futurisme, constructivisme, ou encore néo-primitivisme puisant dans le folklore juif).